# איבערזיכט לייסענסעס: וואס מאביל עסנווארג פארקויפער דארפן וויסן

לאקאלע געזעץ 18 פון 2021 האט פארמערט די צאל מאביל עסנווארג פארקויפונג ( mobile food vending, MFV) פערמיטס און געטוישט וויאזוי פארקויפער באקומען א גאנץ-יעריגע (פולע-טערמין) פערמיט דורך אוועקשטעלן א נייע סארט MVF לייסענס גערופן אן איבערזיכט לייסענס. עס זענען פאראן צוויי סארטן איבערזיכט לייסענסעס: א סיטי-ברייטע לייסענס און א לייסענס פאר אלע ניו יארק סיטי (NYC) באראוס אויסער Manhattan (נישט-Manhattan). אן איבערזיכט לייסענס ערלויבט פארקויפער זיך איינצוגעבן פאר איין פערמיט. אן איבערזיכט לייסענס-ערלויבטע יוניט מוז האבן איינער מיט אן איבערזיכט לייסענס וואס ארבעט אויפ'ן ארט סיי ווען די יוניט אפערירט, און איינער וואס פארמאגט אן איבערזיכט לייסענס קען אויך ארבעטן אויף סיי וועלכע MVF יוניט.

לאקאלע געזעצן 54 און 59 פון 2026 טוען העכערן די צאל פערמיטס דורך פאדערן פון די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט צו ארויסשטעלן 2,200 פרישע איבערזיכט לייסענס אפליקאציעס יעדע יאר פון יולי 1, 2026, ביז יוני 30, 2031:

- 500 אפליקאציעס פאר סיטי-ברייטע איבערזיכט לייסענסעס
- 1,500 אפליקאציעס פאר נישט-Manhattan איבערזיכט לייסענסעס
- 200 אפליקאציעס פאר סיטי-ברייטע איבערזיכט לייסענסעס פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס און אמעריקאנער וועטעראנען

די טוישונגען זענען נישט נוגע פאר MVF יוניטס מיט א צייטווייליגע (סעזאנישע) פערמיט, גרין קארט פערמיט אדער באגרעניצטע געגנט פערמיט. אן איבערזיכט לייסענס ווערט נישט געפאדערט פאר די יוניטס.

אויב האט איר יעצט א סיטי-ברייטע אדער בארא-ספעציפישע פערמיט וואס איז ארויסגעגעבן געווארן איידער יולי 1, 2022, וועט אייער יוניט נישט דארפן האבן איינער מיט אן איבערזיכט לייסענס ביז יולי 1, 2031. די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט וועט ארויסשטעלן פארשריפן איבער דעם פאדערונג ביי א שפעטערדיגע דאטום.

## וואס דארף איך וויסן וועגן איבערזיכט לייסענסעס?

אן איבערזיכט לייסענס קען נאר ווערן ארויסגעגעבן פאר אן אידיווידועלע מענטש. א מענטש קען זיך איינגעבן פאר א פולע-טערמין פארקויפונג פערמיט פאר די געגנט אנגעגעבן אויף זייער איבערזיכט לייסענס. די אפליקאציע קען ווערן אריינגעגעבן סיי ווען נאכ'ן באקומען די איבערזיכט לייסענס (אזוי לאנג וואס די לייסענס איז אקטיוו). איינער וואס פארמאגט אן איבערזיכט לייסענס קען פארקויפן אויף די זעלבע סארטן יוניטס ווי איינער וואס האט א מאביל עסנווארג פארקויפער לייסענס.

- אויב איר האט א סיטי-ברייטע איבערזיכט לייסענס, קענט איר ארבעטן אלס די איבערזיכט לייסענס האלטער אויף סיי וועלכע איבערזיכט לייסענס-ערלויבטע יוניט. אויב איר האט א נישט-Manhattan איבערזיכט לייסענס, קענט איר ארבעטן אלס די איבערזיכט לייסענס האלטער אויף סיי וועלכע איבערזיכט לייסענס-ערלויבטע יוניט אינדרויסן פון Manhattan.
- אויב לויפט אויס אייער איבערזיכט לייסענס, וועט איר פארלירן אייער איבערזיכט לייסענס און די רעכטן פאר אן איבערזיכט לייסענס פערמיט. איר קענט נאכדעם צוריקגיין צו א מאביל עסנווארג פארקויפער לייסענס סיי ווען.

- אויב איר זאגט אפ די איבערזיכט לייסענס, קענט איר בלייבן מיט אייער מאביל ענסווארג פארקויפער לייסענס און ארבעטן אויף סיי וועלכע ערלויבטע MVF יוניט (ארייגערעכנט אן איבערזיכט-לייסענס-ערלויבטע יוניט, אויב איז אנווענדנד איינער מיט אן איבערזיכט לייסענס).

## וואיזוי קען איך באקומען אן איבערזיכט לייסענס?

די צאל איבערזיכט לייסענסעס וואס ווערן ארויסגעגעבן איז באגרעניצט לויט'ן געזעץ. איר מוזט זיין אויף א ווארט ליסטע און ווארטן אז מען זאל אנקומען צו אייער פאזיציע נומער צו באקומען אן איבערזיכט לייסענס אפליקאציע. די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט האלט דריי ווארט ליסטעס פאר:

- א סיטי-ברייטע איבערזיכט לייסענס
- אן איבערזיכט לייסענס פאר באנוץ אין אלע ניו יארק סיטי בארא אויסער Manhattan (נישט-Manhattan)
- א סיטי-ברייטע איבערזיכט לייסענס פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס און אמעריקאנער וועטעראנען

א פרישע ווארט ליסטע וועט ווערן געעפנט ווען אן עקזיסטירנדע ווארט-ליסטע ווערט אויסגענוצט. מענטשן מיט א יעצטיגע מאביל ענסווארג פארקויפער לייסענס וועלן ווערן איינגעמאלדן ווען א נייע ווארט ליסטע געלעגנהייט ווערט אוועילעבל. ווארט ליסטעס ווענדן זיך אין בארעכטיגונג און שטעלן אפליקאנטן אין א סדר אין איינקלאנג מיט לאקאלע געזעצן.

## וואס פאסירט ווען איך גיי ארויף אויף אן איבערזיכט לייסענס ווארט ליסטע?

פארקויפער וועלן ווערן איינגעמאלדן אויף פאסט וועגן זייער פאזיציע אויף די איבערזיכט לייסענס ווארט ליסטע. צו זעהן אייער ווארט ליסטע פאזיציע נומער און די נומער וואו מען האלט אויף די ווארט ליסטע, באזוכט די "Mobile Food Vendor Waiting List Lookup" (מאביל ענסווארג פארקויפער ווארט ליסטע זוך) טול אויף nyc.gov/health/mobilefood. ווען מען דערגרייכט אייער פאזיציע נומער, וועט די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט אייך שיקן אן איבערזיכט לייסענס אפליקאציע אויף פאסט. איר וועט האבן 90 טעג צו ארייינשיקן אייער אפליקאציע.

אלע איבערזיכט לייסענס און פערמיט אינפארמאציע וועט ווערן געשיקט צום פאסט אדרעס אויף די רעקארד. באזוכט nyc.gov/health/mobilefood צו לערנען וויאזוי צו "update your mailing address" (אפדעיטן אייער פאסט אדרעס).

איר דארפט נישט באצאלן פאר די ערשטע ארויסגעבונג פון אייער איבערזיכט לייסענס. אייער נייע איבערזיכט לייסענס וועט האבן די זעלבע אויסלויף דאטום ווי אייער יעצטיגע מאביל ענסווארג פארקויפער לייסענס. באנייען אייער איבערזיכט לייסענס פאר צוויי יאר וועט קאסטן 438 דאלאר.

איינמאל איר באקומט אייער איבערזיכט לייסענס, וועט מען אייך שיקן א פערמיט אפליקאציע אויף די פאסט. עס איז נישט פארהאן קיין שום דיו דאטום אויף אייער איבערזיכט לייסענס פערמיט אפליקאציע.

יעדע פארקויפער קען באקומען בלויז איין פערמיט. אויב איר האט שוין א פערמיט און טוישט אריבער צו אן איבערזיכט לייסענס פערמיט, האט איר 270 טעג נאך וואס אייער איבערזיכט לייסענס ווערט ארויסגעגעבן אדער ביז אייער יעצטיגע פערמיט לויפט אויס, וועלכע עס פאסירט ערשט, צו צוריקגעבן אייער יעצטיגע פערמיט. דאס איז נישט גילטיג פאר באגרעניצטע געגנט פערמיטס.